# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ה' גליון קנ"ז | חג המצות תשפ"ד לפ"ק


ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת:

# צוויי מיליאן שקל! פארטיילט ביי מאסיווע טאפלטע חלוקות לכבוד יו"ט פסח דורכ'ן פוסק הדור מרן גאב"ד ירושלים שליט"א

**3'טע ריזיגע "יומא טבא לרבנן" חלוקה, אין רייע פון חלוקות לכבוד יו"ט פאר גדולי ארה"ק דורכ'ן ועד הפעולה שע"י העדה החרדית, אויסגעטיילט פאר העכער 100 מורי הוראה שע"י העדה החרדית, ועל צבאם די חברי הבד"ץ שליט"א – באזונדערע מאסיווע "קמחא דפסחא" חלוקה שענקט הערליכע סומעס בדרך כבוד פאר 2,000 משפחות פון אלע קהלות הקודש אינערהאלב העדה החרדית**







רבני וחברי הנהלת העדה החרדית ושלוחי קהלות הקודש באטייליגן זיך ביים גרויסארטיגן מעמד החלוקה פארגאנגענעם מוצש"ק טהרה-הגדול בביתו נאוה קודש פון ירושלימ'ער רב שליט"א

**רב שליט"א איז מעורר ביי "שבת הגדול" דרשה איבער מצות עשה דאורייתא צו שטיצן די מורי הוראה, "מען איז מחויב צו שטיצן מורי הוראה בישראל פאר יו"ט, און נאר אזוי איז מען היינט מקיים די מצוה פון ושמחת אתה וביתך והלוי"**

(עי' בשו"ת בנין שלמה סי' ל"ג)

שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו:

# כלל ישראל פארציטערט פון פשרות - פלענער דורך חרדי'שע ח"כ המינים צו באשטעטיגן דאס איבערגעבן 25 פראצענט! בני הישיבות צו שמד אינעם ציוני'סטישן מיליטער רח"ל

**חרדי'שע 'פארעטער' די ח"כ המינים פאראהאנדלען מיט'ן ראש הכופרים אויף פשרה געזעץ, באגלייט מיט עקאנאמישע סאנקציעס, און דערצו א שטארקע 'קאנטראל' אויף בני הישיבות אויב זיי לערנען טאקע די פארלאנגטע צאל שעות וועכנטליך**

**פוסק הדור כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א:**

(ביי "שבת הגדול" דרשה פארגאנגענעם דאנערשטאג טהרה)

## ניצול צו ווערן פון די גזירה מוז מען האבן אמת'דיגע מסירות נפש! עפ"י תורה טאר מען זיך נישט מתפשר זיין בכלל! זייער גאנצער כח קומט נאר ווייל ס'איז דא ווער עס זוכט צו מאכן פשרות

זעט מער אויף זייטן 7-8

## געוואלדיגער אפקלאנג פון שארפער קול קורא דורך ספרדי'שע גדולי הרבנים שליט"א אז קיין שום בחור, אויך א.ג. 'שוואכע' בחורים, טארן נישט קיין אין מיליטער

גרויס אויפברויז פון פרעכע חוצפה דורך משה ארבל, מיניסטער פון ספרד'ישע ש"ס פארטיי, וואס טרעט ארויס קעגן דעת תורה פון זיינע אייגענע רבנים

**כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א**

שרייט אויס זעקת כלל ישראל קעגן גזירת הגיוס און איבער געפאר פון 'פשרות' אויף חשבון פון בחורי ישראל:

## "מען קלויבט ווייץ אויף פסח; בחורים קלויבט מען נישט!!!

נישטא קיין 'ערשטער קלאס בחור' און קיין 'צווייטער קלאס בחור', קיינער טאר נישט פארפאלן ווערן צום מיליטער"

זעט דברות קודש אויף זייט 7

רבי שליט"א אין טעלעפאנישער שמועס צום שליח בי"ד הר"ר שמעון שישא:

**"גיבט איבער אז מיר דא אין חו"ל וועלן שטיין צו די רעכטע האנט און טון אלעס וואס מעגליך פאר אחב"י תושבי ארץ הקודש! מ'וועט נישט צולאזן די רדיפות פון די ציונים אויף אידישע נשמות!"**

# גזירת החינוך כראנאלאגיע

## תשע"ה – תשפ"ד

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

**אויפ'ן פארלאנג פון פילע חשוב'ע לייִנער בנוגע די דעטאלן פונעם גזירת החינוך, וויאזוי און ווען עס האט זיך אנטוויקלט, ווען מיר פרובירן צו געבן א קורצן כראנאלאגישן איבערזיכט לויט'ן סדר, וואס וועט האפנטליך אריינברענגען מער קלארקייט צו פארשטיין די גאנצע נושא.**

צוליב מאנגל אין פלאץ וועלן מיר איבערגיין בלויז ראשי פרקים.

## תשע"ב

א גרופע אפטריניגע, וואס האבן אין זייער יוגנט געלערנט אין היימישע מוסדות, גרינדן א גרופע מיט'ן נאמען **"יאפעד"**, געצילט צו אריינשיסן גיפטיגע פיילן אינעם ערליכן ריינעם חינוך.

- זייער ערשטע שריט נעמט אריין א העפטיגע קאמפיין ביי די מידיא, אנגעהויבן ביי די פרייע 'אידישע' מידיא, און פון דארט ארויס צו די אלגעמיינע מידיא. דאס האט אריינגענומען א לענגערע סעריע ארטיקלען וואס איז געלאפן פאר א האלב יאר אין "זשואיש וויק".
- אין די זעלבע צייט ווענדן זיי זיך צו די סטעיט עדיוקעישאן באורד און רידזשענטס פארלאנגען אז מ'זאל אינפארסירן דעם "סובסטענשעלי עקוויוועלענט" געזעץ, און פארלאנגען אז די לימודים אין מוסדות התורה מוזן זיין "שטארק ענליך" צו פאבליק סקולס.
- זיי הייבן אויך אן צו שיקן לעכערליכע ליפלעטן צו היימישע פאסט קעסטלעך, מיט אגיטאציעס קעגן דעם ערליכן סדר הלימודים.

## תשע"ה

- יאפע"ד שיקט אריין א "קאמפלעין" צו ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן, מיט א ליסטע פון 39 מוסדות וואס זיי באשולדיגן אז מ'קומט נישט נאך דעם פארלאנג פון "סובסטענשעל עקוויוועלענסי".
- אלס רעאקציע צו די קלאגע איז געגרינדעט געווארן אן ארגאניזאציע מיט'ן נאמען **פערל"ס**, א פאראיין פון "אלע" מוסדות וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארן דורך די רשעים, צו אויפקומען מיט א געמיינזאמען מהלך וויאזוי צו באשיצן דעם ערליכן חינוך.

## תשע"ו-תשע"ז

- די סיטי אויספארשונג הייבט זיך אן רוקן פאראויס. זיי פארלאנגען פון די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט צו באקומען ריכטיגע אנווייזונגען וויאזוי אויסצוטייטשן "סובסטענשאל עקוויוועלענסי" [א געזעץ וואס איז זייער זעלטן אינפארסירט געווארן, און קיינמאל נישט ביז-דאן קעגן חרדי'שע מוסדות].
- מ'זעט אז ס'רוקט זיך אן א גרויסע צרה, ווען די סטעיט גרייט זיך צו קלארשטעלן די רעגולאציעס און גיידליינס פון "סובסטענשאל עקוויוועלענסי". כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א דרוקט אויס עטליכע מאל ברבים די שטארקע זארג איבער די צרה וואס גאלאפירט פאראויס, און קען ברענגען שווערע קאנסעקווענצן פאר אלע חרדי'שע עלטערן און מוסדות אין ניו יארק.
- פערלס נעמט אויף אדוואקאט ר' אבי שיק נ"י אנצופירן די לעגאלע אנגעלעגנהייטן פון די מערכה קעגן גזירת החינוך.
- אנשטאט ארבעטן אלע הנהלות המוסדות אינאיינעם, ווערט א קנוניא צווישן איין געוויסן פאליטישאן מיט'ן אגוד'יסטישן אדוואקאט, און זיי הייבן אן אויף די אייגענע האנט נעמען פארשידענע שריט וואס זיי האלטן אז ס'וועט פארגרינגערן די גזירה.
- יסוד פונעם פראבלעם איז א צוויי-פאכיגער: דער אדוואקאט וויל נישט ערלויבן אריינצוברענגען אנדערע גרויסע אדוואקאטן אין בילד; "פערלס" נעמט פון די ערשטע מינוט דעם צוגאנג צו זאגן פאר די רעגירונג אז 'אונזער חינוך איז טאקע נישט אויסגעהאלטן לויט'ן געזעץ, אבער אונז גיי מיר עס בעסער מאכן', אנשטאט דערקלערן מיט שטאלץ און פעסטקייט אז אונזער חינוך איז א ריינער, א סוקסעספולער פון יעדן איינציגן הינזיכט בגשמיות וברוחניות, און אז מ'גייט נישט צולאזן קיין שום שינויים אינעם סדר ותוכן הלימודים.

## פסח תשע"ח

- סטעיט סענאטאר ר' שמחה פעלדער נ"י נוצט אויס זיין מאכטפולן איינפלוס אין סטעיט סענאט, זייענדיג די איינצעלנע דעצידירנדע 'סווינג וואוט', און ביים פארענדיגן דעם בודזשעט ברענגט ער ארויף א געזעץ פארשלאג אין באצוג צום עדיוקעישאן געזעץ פון "סובסטענשאל עקוויוועלענסי".
- דער פארשלאג איז געווארן אויסגעארבעט דורך א צאל לעגאלע עקספערטן, און איז געשטיצט געווארן דורך פירנדע חינוך עסקנים, אריינגערעכנט פון פילע הויפט עסקנים אינערהאלב די פערלס ארגאניזאציע - און ס'איז געווען פולקאם אנערקענט אז דאס וועט זיין א פאסיגע הצלה-ברעט צו ראטעווען דעם חינוך [איבריג צו זאגן אז קיינער האט בשעתו נישט אויסגעדרוקט קיין זאכליכע קעגנערשאפט דערצו מיט סיי וועלכע געהעריגע טענות].
- ליבעראלן אין סטעיט רעגירונג פארפירן גאר שטארק דערקעגן. דאן-גאווערנאר קואמא פרובירט יעדן מעגליכן מיטל צו ברעכן די עקשנות דקדושה פון ר' שמחה נ"י, אן ערפאלג. ערבי פסחים פארנאכטס ווערט אפגעהאלטן לענגערער טעלעפאן רוף מיט כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, אבער דער רבי שטעלט קלאר אז אונזער חינוך איז די העכסטע און וויכטיגסטע זאך וואס איז פאראן.
- די פארהאנדלונגען ציען זיך אריין ביז אינעם סדר נאכט. ר' שמחה נ"י איז געצווינגען צו פארלאזן אלבאני צוליב יו"ט, אין די לעצטע מינוט געלונגט פאר די ליבעראלן אריינצורוקן צוויי קריטישע טוישונגען אינעם געזעץ
- **1)** זיי לייגן צו די ווערטער "נאט לימיטעד טו". [וואס די קאמישאנער וועט שפעטער פאלש אפלערנען, און דעריבער גיין פאראויס מיט די ביטערע גזירת החינוך. א נושא אין וואס מיר וועלן נישט דא אריינקריכן].
**2)** אנשטאט ווי דער ארגינעלער געזעץ

פארשלאג האט געלויטעט צו גרינדן א נייע קאמיטע פון מענטשן וואס קענען דעם היימישן חינוך פון אינעווייניג, וואס זאל האבן איבערזיכט אויף אלע 'פעלדער מוסדות' (א פארמאט ווי AARTS פאר ישיבות גדולות), רוקן די ליבעראלן אריין א שורה אז די קאמישאנער זאל באקומען דעם אויפזיכט אויף אלע דאזיגע מוסדות.

- [כדאי צו וויסן 2 נקודות: 1) די קאמישאנער האט אלעמאל געהאט דאס לעצטע ווארט אויף אלע סקולס אין ניו יארק, אויך אן דעם פעלדער געזעץ; 2) דער ארגינעלער פארשלאג האט קיינמאל נישט גערעדט קיין ווארט פונעם קאמישאנער, ס'איז לעכערליך צו גיין יעצט פארקויפן א ליגנט אז 'מען האט געווארנט פון פאראויס', ווען קיינער האט נישט געקענט וויסן אז די פארהאנדלונגען גייען זיך פארציען ביז אין סדר נאכט, און נאך פאראויסזאגן בנבואה וואס די ליבעראלן גייען אריינרוקן. - מיר דערמאנען עס פשוט וויבאלד מאנכע האלטן אין איין חזר'ן פאלשע אטאקעס קעגן פעלדער געזעץ, בלויז מיט'ן ציל זיך צו ריינוואשן פון זייער שמוץ.]
- יאפעד גייט אין פעדעראלן געריכט קעגן פעלדער געזעץ. פערלס' אדוואקאט פארטיידיגט עס אין געריכט, און דער ריכטער ווארפט שפעטער אפ די יאפעד קלאגע.
- די מידיא לייגט דרוק צו שטופן פאראויס די אויספארשונג קעגן די 39 מוסדות. סיטי עדיוקעישאן קאנצלער קאראנזא געבט ארויס ענדע זומער די ערשטע געפינסן פונעם אויספארשונג. דער ווינט פון גזירת החינוך נעמט זיך שווען אין דער לופטן.

## תשע"ט

- **את אשר יגורנו בא:** דאן-קאמישאנער עליע פארעפנטליכט גאר שווערע און שרעקליכע גיידליינס, וואס זוכן איינצוטיילן פונקטליך וועלכע סאבזשעקטס און וויפיל שעה מ'דארף לערנען לימודי חול אין די מוסדות.
- יהדות ניו יארק פאראייניגט זיך אין קאמף. סאטמארער רבי שליט"א דערקלערט אז מ'וועט קעמפן ביז מסירות נפש!
- א צאל גרופעס און ארגאניזאציעס, אריינגערעכנט פערלס, קלאגן די גיידליינס אין געריכט, ריכטערין רייבא ווארפט ארויס די גיידליינס זאגנדיג אז די עדיוקעישאן דעפארטמענט האט נישט נאכגעפאלגט דעם נויטיגן פראצעדור.
- עליע אין איינס פון אירע לעצטע אקטן אלס קאמישאנער, פארעפנטליכט די גיידליינס אלס "רעגולאציעס". וואס עפנט די טיר פאר פאבליק קאמענטארן.
- סאטמארע עסקנים ווארפן זיך אריין מיט פלייס אין א "פעטישאן דרייוו" דערקעגן. מ'פרובירט צו ארבעטן מיט פערלס אבער זיי ארבעטן נישט מיט געהעריג, די עסקנים נעמען אליינס די זאך אין די הענט, סאטמארער רבי שליט"א פאדערט אויף דעם ציבור זיך אנצושליסן, און נאך וואס גאנץ יהדות ניו יארק ווערט אנגעווארעמט, באווייזט מען צו דערגרייכן אן אומגלויבליכע ציפער פון 140,000 קאמענטארן, כמעט אלע קעגן די רעגולאציעס.
- עסקני ק"ק סאטמאר פארן אראפ קיין אלבאני און ברענגען אריין פאפירענע פעטיציעס (נישט בלויז אנליין אונטערשריפטן). דאס שפילט א שטארקע ראלע אין צייגן די באאמטע פאר די אויגן דעם מאסיוון קעגנערשאפט, און אויך צווינגט עס זיי דורכצוגיין יעדן איינציגן צעטל, עפעס וואס האט זיי באווארפן מיט ארבעט און געפירט צו 'הייבן הענט'.

## תש"פ

- די עדיוקעישאן דעפארטמענט מעלדעט אז צוליב די שטארקע קעגנערשאפט ציען זיי צוריק פון די רעגולאציעס, און זיי ווועלן 'רעדן מיט די סטעיקהאלדערס' [ד.ה. עלטערן, מנהלי המוסדות, רבנים, וכו'] און דערנאך פאסן א באשלוס.
- קאראנא פאנדעמיע רוקט זיך אן, די גאנצע וועלט 'גייט אויף האלד'. אלעס איז אפגעשטעלט, און דאס פארשלעפט אויך דעם 'סטעיקהאלדערס' פראצעדור. מ'קען נישט רעדן געהעריג צו קיינעם.

## תש"פ-תשפ"א

- צוביסלעך קומען פאר מערערע מיטינגען און זיצונגען פון פילע 'סטעיקהאלדערס' מיט די עדיוקעישאן באאמטע, מען ארבעט זיי צו באאיינפלוסן איבער דעם סוקסעס און שיינקייט פון אונזער חינוך.
- די עדיוקעישאן דעפארטמענט מוטשעט זיך צו טרעפן א פרישן קאמישאנער, אין גרויסן טייל צוליב דאס וויסן אז דער קומענדיגער קאמישאנער וועט זיך דארפן ספראווען מיט די נושא פונעם חרדי'שן חינוך און די קעגנערשאפט צו די רעגולאציעס. ביז ס'קומט אריין די איצטיגע קאמישאנער ראזא, און ס'ווערט קלאר אז זי איז גרייט צו גיין ביז'ן סוף מיט די גזירה.

## תשפ"ב

- קאמישאנער ראזא באשולדיגט די סיטי עדיוקעישאן דעפארטמענט אין 'שלעפן מיט די אויספארשונג' צוליב 'פאליטישע אינטערעסן'. זי ווארנט אז די סיטי מוז ארויסגעבן אירע געפינסן ביז ענדע יוני '23 למספרם.
- אין מארטש פארעפנטליכט די רעגירונג פרישע גיידליינס, וואו ס'ווערן אראפגעשטעלט די "פעטוועיס" וויאזוי די עדיוקעישאן דעפארטמענט וועט נאכגיין מוסדות צו זען אויב זיי זענען סובסטענשעלי עקוויוועלענט.
- סיטי פארעפנטליכט אויספארשונג, דערקלערט 18 מוסדות זענען נישט "סובסטענשעלי עקוויוועלענט". פערצן דערפון זענען א.ג. 'פעלדער מוסדות' אויף וועמען די קאמישאנער דארף מאכן דעם באשלוס, און די סיטי שיקט איר רעקאמענדאציע צו די סטעיט צו דערקלערן די אלע מוסדות אלס "נישט עקוויוועלענט".
- עס קומט פאר א מאסיווע פעטיציע דרייוו - דאסמאל, אדאנק די קאנקורענץ, ארבעט פערלס יא פלייסיג קעגן די גיידליינס - און א צאל ארגאניזאציעס און עסקנים ארבעטן העפטיג אריינצוברענגען וואס מער פעטיציעס. מען באווייזט צו דערגרייכן א שטוינענדע און אומגלויבליכע 350,000 פעטיציעס קעגן די גיידליינס.
- אין חודש אלול, אין א גוט קאארדינירטע אטאקע, קומט דער ניו יארק טיימס ארויס מיט א גאר העסליכע ארטיקל קעגן חרדי'שע מוסדות, בלויז איין טאג בעפאר די באשטימטע אפשטימונג איבער די נייע גיידליינס.
- דעם פאלגנדן טאג האט דער באורד אוו רידזשענטס איינשטימיג אפגעווארפן אלע קאמענטארן, און באשטעטיגט די נייע גיידליינס.
- יהדות ניו יארק נעמט אויף די אפשטימונג אלס מלחמה דעקלעראציע פון די עדיוקעישאן דעפארטמענט קעגן חרדי'שן אידנטום.

**פון דא און ווייטער איז זיכער נאך געגוג פריש אין זכרון פון גאנצן ניו יארקער אידנטום, און עס פעלט נישט אויס צופיל צו מאריך זיין. נאכדערצו ווען מיר זענען געענגט אין פלאץ.**

(אויב וועט זיין א פארלאנג וועט מען פארזעצן די כראנאלאגיע אין די קומענדיגע "משנתו" בע"ה).



יואל שעהר

# דער רעדל קייקלט זיך ווייטער אויף אראפ!

ראש המצילים פון "מרכז עזרה ויעוץ שע"י העדה החרדית" **הר"ר שמעון שישא שליט"א**, גייט איבער גאנצן השתלשלות פון

## גיוס בני הישיבות

און דער זארג איבער'ן איצטיגן מצב

חג הפסח. חג הגאולה! אידן זענען אויסגעלייזט געווארן מעבדות לחירות ומיגון לשמחה, און ארויסגעגאנגען פריי דינען דעם הייליגן באשעפער און מקבל זיין תורה ומצוות.

בימים ההם בזמן הזה, קוקן ערליכע אידן אין ארה"ק ארויס אויף א 'חג הגאולה', מען זאל שוין ענדליך אויסגעלייזט ווערן פון די ביטערע גזירות וואס פלאגט זיי, זיך געפונענדיג תחת שבי הציוני הארורה, ווען מען האפט אז די רשעי עמינו זאלן שוין אראפלייגן דאס געווער, און לאזן אידישע קינדער זיך פירן ערליך און הייליג, כאוות נפשם ורצונם.

אידן אין ארה"ק שטייען אין א נישט פשוט'ן מצב. גזירת 'גיוס בני הישיבות' איז אין פולן קראפט. ווי מ'ווייסט.

דאס אלעס איז אבער נישט געווארן פון איין מינוט אויפן צווייטן, שוין זינט דאס אויפשטייג פונעם שלטון הרשע אין ארה"ק אין יאר תש"ח, עקזיסטירט במציאות א גיוס גזעזץ וואס איז טעכניש 'חל' אויף אלע בחורים, ספעציעל איז עס געווארן די לעצטע זעקס און צוואנציג יאר, ווען 'גיוס' איז געווארן א פאקטישער 'ביין און האלז' מיט וועלכן מען דארף זיך ספראווען, ביז מען איז אנגעקומען צו וואו מען האלט יעצט, ווען דער שלטון הרשע האט אוועקגענומען אלע מהלכים זיך צו קענען באפרייען, און פארלאנגען מאמענטאל פון יעדן איינציגן בחור צו קומען דינען דעם עגל הזהב אינעם צבא הכפירה והשמד רח"ל.

אין די זעלבע צייט דארף מען ווידער, און נאכמער, ארויסברענגען דעם שבח והודי', ברוך ד' אשר לא השבית לנו גואל, מיר אלע זענען שוין גוט באקאנט מיט די עומדים בראש המערכה אפצוראטעווען אידישע קינדער פון אריינפאלן תחת צפרני הרשע, הלא המה די חשוב'ע בעלי מסירת נפש, די מצילי "מרכז עזרה ויעוץ", וואס שוין העכער צען יאר פירן זיי אויס בנאמנות די הייליגע שליחות פון בי"ד הגדול שבירושלים, נאך אונטער די אנווייזונגען פון פריערדיגן רב הגה"ק בעל שערי טובי' זצ"ל, און די הוראות והדרכות פון יבלח"ט מרן הגאב"ד שליט"א, און ווי גוט באקאנט, אין שפיץ פון די פעולות הצלה שטייט דער אויסגערופענער מציל ומושיע, שלוחא דרחמנא ושלוחא דידן, הר"ר שמעון שישא שליט"א ראש מצילי המרכז.

אין אנבליק פון די פרישע אויפוואכונג פון די שווערע גזירה, האט 'משנתו' געכאפט א 'גויאגטן' ערב פסח שמועס מיט ר' שמעון שישא, וואו מיר האבן גענומען די דרייסט אוועקצו'גנב'ענען עטליכע פון זיינע טייערע מינוטן, צו געבן פאר'ן ציבור א מער קלארן בליק, איבער אלע 'משבריך וגליך' וואס מען גייט אריבער אין לויף פון די לעצטע יארן און ספעציעל די לעצטע חדשים.

**■ א גוט יאר הר"ר שמעון.**

**■ א שטיקל חוצפה פון אונזער זייט צו אראפציפן פון אייערע טייערע מינוטן אין אזעלכע אנגעצויגענע ערב פסח טעג אינאיינעם מיט א 'בין הזמנים', בפרט אינמיטן וואס אינעם מרכז אפיס באדייט עס געטריפלטע לאנגע ווארטנדע שורות... אבער פארט, גאר אין קורצן, לאמיר הערן ביטע א שנעלן איבערבליק איבער 'גזירת גיוס בני הישיבות', און אלעס וואס דאס נעמט ארום.**

**הר"ר שמעון:** דער אמת איז, אז צו פארשטיין וואו מ'האלט יעצט, לאמיר מאכן א קורצן איבערזיכט אויף די מלחמה איבער גיוס בני הישיבות בכלל.

בשנת תש"ח איז נתייסד געווארן די מדינה הטמאה, און מיט איר גרינדונג איז ארויפגעפאלן א 'גיוס חובה' אויף אלע יונגע מענטשן אין לאנד.

דער פרומער ציבור האט באלד זיך ארויסגעשטעלט שטייף אז מען וועט חלילה נישט גיין אין מיליטער, און היות דער סכום פון אלע ישיבה בחורים אין גאנץ לאנד איז געשטאנען ביי א סך הכל פון נישט מער ווי ארום פיר הונדערט בחורים, האט מען גאנץ גרינג אויסגעארבעט א הסכם מיט די ממשלה, צו באפרייען פון מיליטער דינסט די אלע וואס זענען בגדר 'תורתו אומנתו'. צוערשט איז עס געווען ביים 'מלחמת תש"ח', שפעטער איז דאס געבליבן אין קראפט.

אין תשנ"ח האט דער בג"ץ געאורטיילט אז דער שר הבטחון האט נישט קיין רעכט צו פטר'ן אזויפיל בחורים נאר אויב די רעגירונג מאכט א געהעריגן געזעץ צו פטר'ן אלע בחורים אפיציעל.

אבער אין די זעלבע צייט האט דער בג"ץ אויך געזאגט אז עס דארף זיין 'שווין בנטל', ד.ה. אז יעדער יוגנטליכער מוז נעמען א גלייכע טייל אין דינען דאס לאנד, אריינגערעכנט די חרדים.

זינט דאן האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה. ס'איז שוין דורך זעקס און צוואנציג יאר, וואס דורכאויס די גאנצע צייט האט די מדינה פרובירט אויף עפעס א וועג אריינצושלעפן חרדים אין מיליטער, און ספעציעל געצילט די א.ג. 'שוואכערע' בחורים, פון שוואכערע שטיבער וכדו'. כסדר געמאכט נייע געזעצן און רעגולאציעס, ביז מ'איז אנגעקומען וואו מ'האלט היינט.

**■ איר קענט אונז געבן א שטיקל איבערזיכט אויף וואס ס'האט זיך אפגעשפילט אין די 26 יאר?**

**הר"ר שמעון:** יא, לאמיר עס מאכן בקיצור.

אין תשס"ב האט מען געמאכט א געזעץ וואס איז באקאנט אלס "חוק טל", אונטער דעם געזעץ האט מען צייטווייליג ווייטער געקענט געבן 'דיחויים' פאר בני ישיבות, אבער מ'וועט אויפשטעלן א מכלומר'שט 'חרדי'שע אפטיילונג' אין מיליטער, וואס גייט כאילו זיין צוגעפאסט פאר חרדים, און אהין וועט מען ארייגשלעפן חרדי'שע בחורים, בעיקר טאקע די א.ג. 'שוואכערע'. דער בג"ץ איז איינגעגאנגען צו לאזן דעם חוק, און זען אויב ס'וועט טאקע ארייגשלעפן אסאך חרדים אין מיליטער.

צען יאר שפעטער, תשע"ב, זענדיג אז דער 'חוק טל' האט נישט מצליח געווען צו ברענגען דעם פרומען ציבור אין מיליטער אריין, האט דער בג"ץ דאן מודיע געווען אז דאס איז אויך נישט גענוגליך, און אלע בחורים דארפן אנהויבן גיין אין מיליטער.

אין תשע"ד האט מען געמאכט א נייעם געזעץ, "חוק



לפיד", אז נאר א באגרעניצטע צאל פון 1,800 א.ג. 'עילויים' קעגן באקומען דיחויים, און די איבריגע מוזן זיך שטעלן צום מיליטער. לפיד האט אויך פארשטאנען אז מען קען נישט פון איין מינוט אויפן צווייטן נעמען אלע חרדי'שע בחורים אין מיליטער אריין, האט מען גענומען א מהלך פון "הסתגלות", ד.ה. צוביסלעך "צוגעוואוינען" די חרדים צו גיין אין מיליטער. דורכאויס די דאזיגע "תקופה הסתגלות" וועלן די חרדים מוזן נאכקומען גרויסע 'יעדים' ('קוואטעס') פון א באשטימטע צאל בחורים וואס מוזן זיך שטעלן יעדן יאר צום מיליטער, רח"ל. דער סכום פון בחורים וואס דארפן זיך רעקרוטירן וועט זיך הייבן מיט יעדן פארבייגייענדן יאר מער און מער.

עס געדענקען אלע דער גרויסער איבערקערעניש וואס עס איז דאן געווען אין דער אידישער וועלט בארץ ובגולה, דער ריזיגער דעמאנסטראציע וואס איז פאררופן געווארן דורכ'ן סאטמארער רבי'ן שליט"א אין מאנהעטן בהשתתפות אלופי אלפי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, און דערנאך דער גרויסער עצרת צבור אין מאנהעטן פאררופן דורך די ליטווישע קרייזן וואו עס האבן זיך אויך משתתף געווען אלע חסידי'שע קהילות ובתוכם ק"ק סאטמאר. אזוי אויך האבן די ליטווישע קרייזן אין ארץ ישראל דאן פאררופן עטליכע ריזיגע עצרת'ן צו פראטעסטירן קעגן דעם געזעץ.

## ■ דעמאלטס איז שוין געווען דער "מרכז עזרה ויעוץ"?

**הר"ר שמעון:** טאקע יענע תקופה זענען מיר אונז אריין אין שוואונג.

ס'האט זיך אנגעהויבן אביסל פריער, אין די אנהויב תש"ע יארן, ווען דער ביד"ץ האט אונז באפוילן צו העלפן בחורים וואס פארפלאנטערן זיך מיט'ן מיליטער. וואס א יאר שפעטער איז דער מצב געווארן אלס שווערער, ביז בערך תשע"ג ווען אונז האמיר געזען אז מ'דארף עפענען א געהעריגן אפיס, און אונז האמיר דעמאלטס באקומען די אויסטערלישע הילף פונעם סאטמארן "ועד משמרת חומותיך", וואס האט אונז ערמעגליכט צו קענען אונטערנעמען די קריטישע פעולות הצלה.

אינדערצווישן זענען די חרדים צוריק אריין אין ממשלה, און זייער נייער חוק, גרופן "חוק הגיוס המתוקן" (תיקון מס' 21) איז געלאפן ווייטער אויף אן ענליכן מהלך פונעם לפיד געזעץ מיט 'יעדים' וואס וועט זיך דארפן הייבן יעדן יאר, נאר זיי האבן צוגלייגט א צווייטע 'תקופת הסתגלות שניה' ביז שנת תשפ"ג, ס'האט אבער געלאזט פארנעפלט וואס גייט זיין נאך תשפ"ג אויב מ'גייט נישט האבן אנגעפולט די "יעדים".

אבער, פאר'ן פרייז פון אנהאלטן זייערע בענקלעך אין די רעגירונג און די גרויסע געלטער זאלן ווייטער פליסן, איז צום ערשטן מאל אין די היסטאריע פון די מדינה געשען דער געפערליכער פאראט, ווען חרדי'שע חברי כנסת המינים האבן אונטערגעשריבן א געזעץ וואס דערקלערט א גרייטקייט, און גאר א 'לעגאלע פליכט' צו שיקן חרדי'שע בחורים אין מיליטער. ס'האט צום ערשטן מאל געגעבן אן אפיציעלע הסכמה צו דעם אז ווייניגסטנס 'שוואכע' בחורים זאלן אנקומען אין טמא'נעם מיליטער כדי צו העלפן אנפולן די שענדליכע 'יעדים'. – דארט וואס דוקא פאר א שוואכערן בחור איז נאך אסאך גרעסער די סכנה ביים אנקומען אין אזא מקום טמא!

## ■ און וואס האט זיך אפגעשפילט די אלע יארן ביז תשפ"ג?

**הר"ר שמעון:** רוב פון די זאכן זענען מסתמא גוט באקאנט. דער מיליטער האט פארגעזעצט צו מאכן גרויסע פראבלעמען אויף יעדן ריר, און בפרט פאר אזעלכע וואס זיי האבן געקלערט אז מ'קען אויף זיי 'לייגן די הענט', און דאס איז אויסער וואס זיי האבן אפיציעל געדינגען 'גייסים', אזעלכע 'חרדים' וואס האבן פארקויפט זייער נשמה פאר'ן שטן און באקומען באצאלט אריינצושלעפן שוואכערע בחורים אין צה"ל.

אינצווישן איז אויך געווארן אן איבערקערעניש אין די היימישע גאס איבער דער נושא, עפעס וואס איז גענצליך איבריג דא אריינצוגיין יעצט...

למעשה ווייניגער ווי צוויי יאר שפעטער, אלול תשע"ז, האט דער בג"ץ ווידעראמאל געאורטיילט אז אויך דער נייער געזעץ איז נישט אויסגעהאלטן, ווייל עס קומט נישט נאך זייער פארלאנג פון 'שוויון בנטל'.

איינמאל איז יא געווען ווען ס'האט אנגעהויבן דורכגעפירט ווערן א געזעץ, אונטערגעפירט דורך אביגדור ליבערמאן, וואס האט געהייסן "חוק ליבערמאן", מיט גאר שווערע יעדים און גרויסע פינאנציעלע סאנקציעס, 'אפיציעל' האבן די חרדים געשטימט דערקעגן, אבער אונטער'ן טיש האבן זיי עס געהאלפן דורכשטופן.

למעשה איז יענע רעגירונג געפאלן בעפאר דער חוק האט געקענט ווערן פארטיג. דאס האט אנגעהויבן א 'דריידל' ווען די רעגירונגען אין מדינת ישראל האבן געהאלטן אין איין פאלן, כסדר זענען געווען פרישע בחירות ווי שוואמען נאך א רעגן, און דעריבער, האט דער בג"ץ כסדר אפגעשטופט נאך און נאך צייט ביז ווען מען קען מאכן דעם נייעם געזעץ, און אויף דערווייל איז דער אלטער געזעץ געבליבן אין קראפט.

## ■ וואס האט געפירט צום יעצטיגן קריזיס?

**הר"ר שמעון:** א קאמבינאציע פון עטליכע זאכן.

קודם, דאס מיליטער איז נישט נאכגעקומען די 'יעדים', און אפילו די ציפערן וואס זיי האבן יא געלייגט, זענען געווען אויפגעבלאזן (ווי די מידיא האט עס שפעטער באטיטלט אלס "גיוס בלאף"). אזוי אז טעכניש האט מען געהאלטן אינמיטן 'תקופת הסתגלות שניה', אבער פאקטיש האט מען נישט אנגעפולט די קוואטעס.

דערווייל האט די בענעט-לפיד-גאנץ רעגירונג געארבעט צו רוקן פאראויס די "חוק ליבערמאן", אבער זייער רעגירונג איז שנעל צופאלן. ביי די פאלגנדע בחירות האבן די חרדים געליארעמט אז מ'מוז שטימען פאר זיי, ווייל נאר דאס וועט ראטעווען פון די גזירת הגיוס. זיי האבן זיך געשוואוירן אז 'די ערשטע זאך' וואס זיי גייען פאדערן אריינצוגיין אין די קאאליציע איז א פרישער חוק הגיוס [וואס, אגב, אזא געזעץ וואלט אויך זייער קלאר געווען פול מיט ווייטגאליכע פשרות און קרבנות].

למעשה האט ביבי געמאכט פון זיי דאס גענאר, ער האט זיי צוגעזאגט הונדערטער מיליאנען אבער נישט קיין חוק הגיוס. זיי האבן געמאכט איין דעדליין, נאך א דעדליין, נאך א דעדליין, אבער ביבי מאכט חוזק פון זיי, ער צאלט ווייטער די פאר גראשן, און זיי זענען שא שטיל.

דאס אלעס איז אזוי אנגעגאנגען ביז י"א תמוז תשפ"ג, וואס דאן איז שוין אויסגעלאפן דער דעדליין נאכ'ן תקופת הסתגלות השני', און ס'איז שוין געווען קלאר אז מ'איז נישט נאכגעקומען די יעדים. יעצט איז שוין מער נישט געווען קיין געזעץ וואס זאל פטר'ן די בני הישיבות פון מיליטער, און דאס האט באדייט פאר די חרדי'שע פארטייען אז זיי דארפן אויסארבעטן א נייעם געזעץ.

אבער ביבי מאכט נאך אלץ פורים. מ'קען נישט מאכן א נייע חוק ווייל אהער און ווייל אהין. אויף דערווייל, האבן זיי אויסגעארבעט פאריאר זומער אז דער 'שר הבטחון' קען ווייטער געבן דיחויים, אבער נאר פאר א צייטווייליגע צייט, ביז דעם פארגאנגענעם כ"ב אדר–ב'.

א צאל פרייע גרופעס האבן אריינגעגעבן א קלאגע צום בג"ץ אז מ'זאל שוין הייסן די רעגירונג אריינשלעפן אלע חרדים אין מיליטער, אבער די געריכט-דאטומס דערפאר זענען באשטימט געווארן אויף אדר א', גאנץ נאנט צו די צייט ווען די ממשלה'ס צייטווייליגע געזעץ וועט אויסלויפן.

## ■ נו, מ'האלט שוין נאך אדר א', און אויך נאך אדר ב'...

**הר"ר שמעון:** איין מינוט.

אינצווישן איז פארגעקומען די שרעקליכע טעראר אטאקע, דאס לאנד איז אריין אין מלחמה, בעני גאנץ איז אריין אין די 'מלחמה קאבינעט', און דער שטימונג אין גאנצן לאנד האט זיך געטוישט. אפילו פון צווישן די פאליטיקאנטן וואס וואלטן מיטגעארבעט ביז היינט מיט א חוק וואס זאל העלפן טויזנטער חרדים זיך פטר'ן פון מיליטער, זינגען שוין יעצט טייל פון זיי נייע זמירות.

עס איז אנגעקומען כ"ב אדר-ב', און די אלע חכמות האבן זיך געענדיגט, דער אלטער געזעץ איז אפגעלאפן, קיין נייער געזעץ איז נישט דא, דער שר הבטחון קען מער נישט פטר'ן קיין בחורים, און דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, יעדער בחור אין לאנד מוז גיין אין מיליטער, היל"ת.

טעכניש האבן די חרדים פרובירט



**אסיפה נחוצה דורכ'ן "ועד הפעולה שע"י העדה החרדית" צו באהאנדלען ווייטערדיגע שריט קעגן גזירת הגיוס, אין שפיץ פון יו"ר הועד הרה"ח ר' חיים הכהן ראטה שליט"א, יו"ר הועד און פון פירנדע חברי הנהלת העדה החרדית. ווערט אויך געזען דער שליח בי"ד הר"ר שמעון שישא שליט"א**



**ר' שמעון ביים איבערגעבן א באריכט פון די פעולות הקודש פאר מרן גאב"ד ירושלים שליט"א, וועלכער באגלייט און איז עומד בראש פון יעדן פרט ופרט וואס על פיו יושק כל דבר**




**ר' שמעון ביי דער עבודת הקודש אין "מרכז" אפיס**

עפעס אויסצוארבעטן מיט ביבי צו טרעפן א לעגאלן וועג ארויס פון גיוס חובה, אבער דער בג"ץ האט באפוילן פאר די מדינה אז לעגאל דארפן אלע בחורים און יונגעלייט זיך שטעלן צום מיליטער, ממילא מיינט עס אז זיי האבן מער נישט קיין רעכט צו געבן געלט פאר די ישיבות און די כוללים, אויפן חשבון פון די אלע תלמידים וואס דארפן זיך שטעלן צום מיליטער, וואס זענען לויט'ן געזעץ 'משתמטים'.

די יועצת המשפטית האט עס גענומען נאך א שטאפל ווייטער, און באזירט אויפ'ן בג"ץ האט זי באפוילן דעם צה"ל צו אנהייבן זיך גרייטן ארויסצושיקן א "צו גיוס" פאר רבבות בני הישיבות והכוללים אז זיי מוזן זיך תיכף שטעלן צום מיליטער.

## און וואס טוט זיך יעצט למעשה? ס'שוין דא בחורים וואס דארפן זיך שטעלן צום מיליטער?

**הר"ר שמעון:** אויף וויפיל איך ווייס איז דערוויל נאכנישט אנגעקומען קיין 'צו גיוס' פאר קיין חרדי'שן בחור וואס האט געהאט גענומען א 'דיחוי' פון תורתו אומנתו, אבער טעכניש קען עס אנקומען יעדע רגע.

דאס יא, די געלטער וואס דארפן געשיקט ווערן פון די רעגירונג פאר די ישיבות וועלכע נעמען ליידער געלט, איז שוין פאקטיש אפגעשטעלט געווארן. [די פריוואטע געלטער וואס מענטשן באקומען, ווי ביטוח לאומי אד"ג, דאס גייט נאך אן, ס'איז שווער צו וויסן אויב זיי וועלן עווענטועל אויך דאס פרובירן אפצושטעלן אלס 'שטראף' פאר'ן 'פארברעכן' פון זיך נישט שטעלן צום מיליטער.]

## וואס זענען די ווייטערדיגע פלענער פון די חרדי'שע פארטייען?

**הר"ר שמעון:** זיי פרובירן יעצט צו מאכן א נייעם געזעץ, וואס באמת אינעם מציאות איז נישט דא קיין געהעריגער פלאן וואס קען ארבעטן, היות יעדער געזעץ וואס מען וויל דורכפירן, מוז שטימען מיט'ן באהויפטונג פונעם בג"ץ אז עס דארף זיין 'שווין בנטל' און עס זאל אריינברענגען דעם פרומען ציבור אין מיליטער, דאס הייסט, אז די אלע סארט מהלכים וואס זיי האבן גענומען ביז היינט, וועט שוין נישט ארבעטן ווייטער.

[א זייטיגע זאך איז אז זיי זענען היפש צוריסן צווישן זיך, זינט די מוניציפאלע בחירות עטליכע חדשים צוריק, און דאס פארשווערט פאר זיי צו קענען געהעריג פארהאנדלען מיט די רעגירונג.]

אלע זייערע מהלכים וואס זיי האבן פרובירט ביז יעצט, ווי מאכן א 'חוק ערך לימוד התורה', אד"ג זענען דורכגעפאלן. בדרך הטבע איז אוממעגליך צו זען אז זיי זאלן קענען אויסארבעטן א מהלך וואס זאל סיי ווערן אנגענומען אין בג"ץ און סיי ערמעגליכן צו האלטן אלע חרדי'שע בחורים ארויס פון מיליטער. – נישט קיין צווייטער ווי ארי' דרעי, דער פירער פון ש"ס, האט געזאגט די וואך ביי אן אינטערוויו אז "אין לי פתרון".



ביים היסטארישן עצרת אין מאנהעטן א' קרח תשע"ג קעגן דעם ביטערן גזירת גיוס בני הישיבות, פאררופן דורך כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, און מיט באטייליגונג פון אלע שיכטן און קרייזן אין ניו יארק

אויך ווען זיי רעדן פון א געזעץ וואס זאל צווינגען 'נאר' שירות לאומי-אזרחי (ווי למשל פייערלעשער, פאליציי, הצלה, אד"ג) איז אוממעגליך צו זען עפעס וואס דער בג"ץ זאל זיין צופרידן, און אויך די חרדי'שע גאס וועט נישט זיין צופרידן – שוין אפגערעדט אז ביי שלומי אמוני ישראל איז יעדע אזא סארט געזעץ פולקאם אפגעפרעגט.

עס איז אמת אז פארהאנדלען אויף א נייעם געזעץ, אבער אין 'בעסטן' פאל וועט עס צווינגען ריזיגע-ריזיגע פראצענטן פונעם חרדי'שן ציבור צו גיין אין מיליטער, מ'רעדט יעצט פון אנהייבן מיט אזויפיל ווי א שאקירנדע 25% בחורים, רח"ל מהאי דעתא! און עווענטועל וועט עס גיין נאך העכער און העכער.

## זענען זיי באמת גרייט אז א פערטל אדער מער פון זייערע ישיבה בחורים זאלן גיין אין צה"ל חלילה?!

**הר"ר שמעון:** ס'איז זיכער אז א הויפט חלק דערפון איז דער שפיל, זיי זוכן צו שלעפן צייט, און יעדעס מאל מ'מאכט א געזעץ האט מען קודם געשלעפט נאך א קורצע צייט. – כאטש וואס ס'איז מסתבר אז אפי' אויב ס'געלונגט זיי יעצט דורכצופירן עפעס, וואס איז נישט קיין זיכערע זאך לויט די יעצטיגע פאליטישע אומשטענדן, וועט דער בג"ץ דאסמאל נישט ווארטן קיין יאר-צוויי, נאר עס תיכף פסל'ען.

(צווישן זיך איז דא ווער ס'פארקויפט דמיונות אז מ'דארף נאר "אויסווארטן דעם בג"ץ", ווייל זיי רעדן זיך איין אז מ'גייט אריינברענגען אין בג"ץ מער 'רעכטע' שופטים, און דערנאך רעדן זיי זיך איין אז מיט א 'מער גינסטיגע' בג"ץ וועלן זיי יא קענען באקומען אן אורטייל לטובתם. אין מציאות, האט מען 1) שוין געזען פאריאר אז ס'איז כמעט אוממעגליך צו טוישן דעם אויסוואל פון ריכטער אין בג"ץ; און 2) אפילו די 'רעכטע' ריכטער זענען אויך כמעט אלע אויסגעשפראכן לטובת צווינגען בחורים צו גיין אין צה"ל.)

אבער אפי' אויב דער געזעץ בלייבט יא, און כאטש וואס ס'וועט זיכער נישט ברענגען קיין שוואונג פון טויזנטער און טויזנטער חרדי'שע בחורים צו גיין אין מיליטער, איז עס א גרויסער חורבן.

ס'איז א געפערליכע סכנה פאר שוואכערע בחורים וואס וועלן נישט קענען שטיין אונטער דעם אומגעהויערן דרוק פונעם מיליטער, מיט שרעק פאר ארעסט א.א.וו. און אויב ס'איז נישטא קיין פעסטער חרדי'שער קעגנערשאפט, וועלן זיי זיך זייער שנעל ברעכן.

דערצו איז דא היינט א גאנצע 'פאמפע' ביי די שוואכערע איבער'ן גרויסן 'חוב' און 'גליק' פון קומען אין מיליטער און ארויסהעלפן אין די מלחמה וואס זיי פירן – מ'דארף טאקע דערמאנען די שענדליכע סצענעס פון עטליכע חדשים צוריק, ווען חרדי'שע אידן און אפילו אדמורי"ם ורבנים וראשי ישיבות האבן אין לויף פון די ערשטע מלחמה טעג ארויסגעוויזן גרויס שטיצע און 'ליבשאפט' צו די צה"ל סאלדאטן, און דערמיט האבן זיי גע'כשר'ט, און גאר ארויסגעהויבן די מעלה, פון די וועלכע דינען אין טמא'נעם מיליטער!

במציאות האט דאס ליידער געטוישט דעם געדאנקען גאנג ביי א געוויסע פראצענט פון חרדי'שן יוגנט אנבאלאנגט דאס מיליטער, מ'הערט היינט שוידערליכע 'זמירות' רעדן ביי די יונגווארג, און דעריבער דארף מען האבן גרויס רחמי שמים מען זאל ניצול ווערן פון די ציוני'סטישע גזירות, און דאס זאל חלילה נישט ברענגען פאר אידישע בחורים אריינצופאלן אין זייערע נעגל רח"ל.

דאס איז אויסער וואס אפילו אונזערע היימישע בחורים וועלן טאקע זיך נישט ברעכן, אבער גרינג וועט עס נישט זיין. זיי קענען האבן צו ליידן אן א שיעור עגמת נפש, פחדים, געלט שטראפן און אזוי ווייטער און ווייטער, דער רבוש"ע זאל זיך אודאי מרחם זיין.

## וואס איז טאקע די עצה צו פטור ווערן פון די גזירה?

**הר"ר שמעון:** די איינציגע עצה איז נאר ווי אומאפהענגיגע גדולי ישראל ליארעמען כסדר, און מ'האט עס יעצט ווידער געהערט פונעם רב שליט"א: שרייען א הילכיגן 'ניין'!

אונטער נארמאלע אומשטענדן וואלט דאס גאנצע יהדות החרדית זיך געדארפט צוזאמנעמען און שרייען א 'לא' מיט א גרויסן אל"ף, מיר גייען נישט אין מיליטער און שטעל זיך אויפן קאפ. מיט א גאנץ פאלק קען מען זיך נישט קריגן, און אויף אזא אופן וועט די מדינה גאנץ שנעל מוזן אראפלייגן דאס געווער, גענוי ווי די טויזנטער אראבער גייען נישט אין מיליטער, ווייל די מדינה ווייסט אז עס איז נישט דא מיט וועמען צו רעדן.

דא קומט מען אבער צום חורבן פון די חרדי'שע פארטייען. פאר זייערע אינטערעסן ווי כבוד און געלט, קענען זיי דאך נישט דערקלערן אז זיי האקן אפ מיט די מדינה, און אז קיין שום חרדי'שער בחור טאר נישט גיין אין מיליטער, ממילא זענען זיי שוין לאנגע יארן פארנומען מיט דעם ניגון אז "א לומד תורה מוז קענען בלייבן זיצן און לערנען", אינדערצייט וואס יעדער איינער ווייסט פונקטליך אז ס'זענען דא טויזנטער וואס האבן נישט די מעגליכקייט צו זיצן 45 שעה א וואך ביי די גמרא, אבער זיי פטר'ן זיך נאך אלץ אונטער'ן פאלשן שלייער פון 'תורתו אומנתו'.

נאטורליך מאכט עס אז די מדינה זאל קומען פארלאנגען אז 'געב אונז כאטש די שוואכערע בחורים', און ליידער זענען די פרומע פארנומען שוין יארן מיט מאכן פשרות, נאך און נאך, וויזנדיג דערמיט פאר די מדינה אז עס איז דא מיט וועם צו גיין צום טיש צו פארהאנדלען, און דאס ברענגט ליידער אלע צרות.

טאקע דאס אז שוין צענדליגער יארן וואס די חרדים זינגען דעם ניגון אז 'תן לי יבנה וחכמיה', לאז די לומדי תורה בלייבן ביים לערנען, און זיי ווייזן כסדר צייכענעס פון גרייטקייט אז א.ג. 'שוואכע' בחורים זאלן אריינפאלן אין שמד-טאפ פון מיליטער רח"ל, פירט די מדינה צו לייגן מער און מער דרוק.

אינערהאלב די "העדה החרדית" איז מען אויך מטכס עצה אין די טעג איבער די ווייטערדיגע פעולות, אבער ס'איז צו פרי צו רעדן דערפון, בעפאר מיר באקומען קלארע הוראות פון מרן הגאב"ד ובית דינו שליט"א.

## איז דא יעצט מער ארבעט אין "מרכז" אפיס?

**הר"ר שמעון:** זיכער אזוי.

ווי געזאגט, בחורים וואס זענען פולקאם מסודר מיט א דיחוי האבן נאכנישט אנגעהויבן צו האבן קיין פאקטישע פראבלעמען, כאטש מ'רישט זיך אז 'עפעס' קומט, אבער דער צה"ל איז געווארן אויסטערליש שטרענג מיט יעדע מינדסטע זאך, ווייל 'מען גייט דאך שוין עניוועי מוזן גיין אין מיליטער', און יעדער וואס האט זיך פארפלאנטערט אויף סיי וועלכן וועג מיט זיין מעמד בן ישיבה, שטייט יעצט אויס ערנסטע פראבלעמען.

אויך, אנהויב פון די מלחמה האבן זיי זיך ווייניגער געקימערט מיט די זאכן, אבער יעצט זענען זיי געווארן נאך שטרענגער ווי פריער, ספעציעל אין לופטפעלד ביים אריינפארן און ארויספארן.

ממש אין די איצטיגע טעג פאר פסח זענען מיר געווען איבערגעלאדנט מיט ארבעט, סיי ווייל אסאך בחורים פארן און קומען אויף יו"ט, אבער אויך ווייל פאר א היפשע צאל בחורים איז אין די וואכן אפגעלאפן זייער דיחוי, און מען דארף שווער ארבעטן צוצושטעלן הילף פאר יעדן.

איך מוז שוין ענדיגן, ויה"ר, אז דער יו"ט פסח זאל אונז ברענגען די השפעות ה'גאולה', מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פון די אלע שווערע גזירות וואס די רשעי הציונים ווילן אויף אונז ארויפלייגן, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צום גרויסן גאולה בביאת המשיח במהרה, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

**משנתו: ייש"כ פאר'ן עס אראפשטעלן אזוי קלאר, און זאל דער רבש"ע געבן איר זאלט שוין טאקע נישט האבן קיין ארבעט אין די מרכז אפיסעס, די אלע גזירות זאלן שוין בטל ווערן, און מיר זאלן זיך זען אין ארה"ק אינגיכן, מיט משיח'ן אינאיינעם.**

## דבר ה' ברמה:

# אויסצוגן פון דברות קודש דורכ'ן פוסק הדור ירושלים'ער רב שליט"א

**ביי "שבת הגדול" דרשה פארגאנגענעם דאנערשטאג טהרה – אחר שהאריך בדברי הלכה ואגדה**

**... די פושעים האבן גוזר געווען א שרעקליכע גזירה אריינצושלעפן בחורים אינעם כור השמד פונעם טריפה'נעם מיליטער. ליידער זענען דא אזעלכע וואס זענען מציע פארשידענע פשרות** צו שיקן א חלק בחורים ווען אזוי וועלן די אנדערע קענען לעבן בשלום ושלוה, אבער מ'דארף וויסן אז **ניצול צו ווערן פון די גזירה מוז מען האבן אמת'ע מסירות נפש, און אפהיטן די תוה"ק אן קיין שינוי. עפ"י תורה טאר מען זיך נישט מתפשר זיין בכלל!**

**מ'דארף זיי זאגן קלאר און אפן אז "מיר טארן נישט און מיר וועלן נישט גיין אין ענקער טמא'נע מיליטער, מיר זענען עבדים פונעם אויבערשטן".**

... בעצם האבן זיי נישט קיין שום כח, נאר דאס אז די שוטים פון די פרומע גייען מיט זיי. אפילו די גוי'אישע וועלט האלט אז ס'איז אן אומרעכט נישט צו לאזן האלטן א רעליגיע, נאר זיי זאגן אז זיי האבן די פרומע מיט זיך. מ'דארף וויסן אז זיי ווילן איין זאך, אויסרייסן דאס גאנצע אידישקייט, און טאמער מיר וועלן זיין שטארק, ווייסן זיי אויך אז זיי וועלן גארנישט קענען טון.

**ליידער זענען דא רבנים און ראשי ישיבות וואס טאנצן מיט מיט זיי און ווילן מאכן פשרות, אבער מיר שרייען אויס קלאר און אפן: "מיר האבן ענק פיינט! מיר זענען נישט קיין 'עריקים', מיר זענען סאלדאטן פאר'ן אויבערשטן**, און ער וויל מיר זאלן זיצן און לערנען אין די ישיבות און תלמוד תורה'ס, און זיך פירן לויט'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון די צדיקים מדור דור.

... מ'דארף וויסן אז יעדער רב וואס העלפט זיי צו, נישט קיין חילוק אין וועלכע זאך, דארף מען עס צוברעכן עד הסוף. נישט קיין חילוק צי ער טראגט אן איצטלא פון א רב, א רבי, אדער א צדיק. איין זאך דארף מען וויסן אז מיר וועלן טון וואס די גדולי ישראל האבן אונז אנגעזאגט, די ישיבות און תלמוד תורה'ס איז די הייליגסטע זאך, און טאמער וועלן זיי פארמאכן די חדרים וועט זיין גאר א גרויסער חורבן.

**... ס'וועט נאך קומען א טאג וואס מ'וועט זען אז זייער גאנצער ציל איז אויסצורייסן דאס גאנצע אידישקייט!**

[כאן מחה הגאב"ד שליט"א נגד אלו הרוצים להעלות שה להר הבית להקריבו שם, ר"ל. אח"כ דיבר עוד אודות המצב החמור עם המלחמה:]

**מיר דארפן זיך מחזק זיין מיט אמונה און ווארטן אויף די גאולה.**

**רחמנא ליצלן, דער צער וואס די שכינה הקדושה האט ווען די פושעים מיינען אז זיי קענען עפעס. מענטשן פרעגן מיך צי מ'דארף מורא האבן פון איראן ווייל זיי האבן געשיקט העכער דריי הונדערט באמבעס אויף ארץ ישראל, האב איך געזאגט אז בדרך הטבע דארף מען זיכער מורא האבן, נאר וויבאלד דער באשעפער איז מיט אונז דארף מען נישט מורא האבן.**

זיי זאגן אז מ'דארף נישט מורא האבן, ווייל 'אונז האמיר אזא געוואלדיגן מיליטער', ס'איז אבער גארנישט ווערד דאס גאנצע מיליטער. מיר זענען נאר באשיצט דורכ'ן אויבערשטן.

**ברגע ווען דער באשעפער נעמט אוועק זיין השגחה קען קיינער גארנישט טון**, און די פושעים זענען נאך לועג און פרעגן קשיות אויפ'ן באשעפער רח"ל, מיר וויסן אז ס'איז נישט מעגליך מיט אונזער קליינער קאפ צו פארשטיין זיינע דרכים, מיר זענען בלויז בשר ודם, און קענען עס נישט פארשטיין בכלל.

**זיי זאגן 'כחי ועוצם ידי', דערפאר זאגט דער באשעפער איך וועל דיר ווייזן אז דו קענסט גארנישט.**

[לבסוף עורר על גודל החיוב להזהר בכשרות, והעלה על נס מעלתו של הכשר בד"ץ העדה החרדית המפורסם בכל העולם כולו בהידוריו, וגם הזהיר נגד אבי אבות הטומאה של "האינטערנעט" וכמה צריכים לשמור ממנו בגדרים וסייגים, ובמיוחד עורר נגד המאדעס שפורצים גדרי הצניעות, וכמה אנו חייבים לילך בדרכי האבות.

גם לרבות אודות המצוה דאורייתא לתמוך במורי הוראה לפני יו"ט, כמפורש במקום אחר בגליון הלז, וסיים בברכת הקודש לרגל החג ושנזכה במהרה לביאת משיח צדקינו.]

# פייערדיגע דברות קודש דורך כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

**ביום ג' תזריע אין ישיבה גדולה ד'סאטמאר**

(ונשנה במעמד אלפי ישראל ביי דרשת שבת הגדול בביהמ"ד הגדול ד'סאטמאר-ומסב"ג שב"ק תזריע)

**מען מוז ארויסברענגען דעם זארג פון כלל ישראל אויף בחורים אין ארץ ישראל, תלמידי הישיבות און יונגעלייט, וואס עס הערשט אויף זיי א געוואלדיגע גרויסע סכנה, מען זאל זיי חלילה נישט אריינעמען אין טמא'נעם מיליטער, די טריפה'נע מיליטער.**

**די סכנה איז נאך טאפלט, ווייל ס'זעט אויס אז עס זענען דא אזעלכע וואס ווילן מאכן פשרות [דורך] אויסקלויבן בחורים. מען קלויבט ווייץ אויף מצות, בחורים קלויבט מען נישט! נישט דא אזא מין זאך א בחור וואס ער טויג נישט, א וויצל קען זיין אויסגעוואקסן וואס מ'ווארפט אוועק, אבער נישט דא אזא מין זאך ביי בחורים א 'ערשטע קלאס' מיט א 'צווייטע קלאס', נישטא אזא מין זאך!**

**מיר זארגן זיך פאר אלע בחורים אין ארץ ישראל, מיר זענען זייער באזארגט אויף דעם וואס גייט זיין, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל נישט שאטן פאר קיין שום בחור און קיין שום יונגערמאן...**

שמעו דבר ד' החרדים אל דברו:

# יהדות החרדית אין ארה"ק שטורעמט נאך פייערדיגע דברות קודש פונעם פוסק הדור מרן גאב"ד ירושלים שליט"א איבער גזירת הגיוס, מצב המלחמה, און נאך ענינים העומדים על הפרק



טויזנטער בני ציון היקרים, בראשות חברי הבד"ץ וגדולי הרבנים שליט"א, באטייליגן זיך ביי "שבת הגדול" דרשה ליל ששי טהרה אין ביהמ"ד הגדול 'היכל מהרי"ץ דושינסקיא', וועלכע איז שוין לאנגע יארן די תורה'דיגע אכסניא פאר די שבת הגדול דרשה פון די ירושלימ'ער רבנים







זעט אויסצוגן פון דברות קודש אויף זייט 7

אזוי זעט אויס 'חרדים אין צה"ל'...

## צום ערשטן מאל אין היסטאריע וועט אמעריקע ארויפלייגן סאנקציעס אויף א איינהייט אין צה"ל: די "נצח יהודה" איינהייט

(בעסער באקאנט אלס "נחל חרדי")

ווילדע און רייצערישע אויפפירונג דורך מכלומר'שטע 'חרדי'שע סאלדאטן' קעגן אראבער פירט צו א פרעצעדענטלאזע שריט, ווען אמעריקע לייגט ארויף סאנקציעס אויף א מיליטערישע אפטיילונג פון א פריינטליך לאנד



בפעם הראשונה בהיסטוריה: ארה"ב צפויה להודיע על סנקציות נגד יחידה בצה"ל

שר החוץ האמריקני צפוי להודיע בימים הקרובים על סנקציות נגד גדוד "נצח יהודה", על רקע הפרת זכויות אדם של פלסטינים בגדה המערבית. בין היתר יאסרו להעביר לגדוד סיוע צבאי אמריקני, וימנעו מחייליו וקציניו לקחת חלק באימונים עם צבא ארה"ב


ועד משמרת חומותיך ירושלים

שע"י קהל יטב לב דסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ברגשי גיל וחדוה ברכותינו צרופה אל מול פני רב האי גאון, העומד לנס עמו, לא פסיק פומי' מגירסא, מרביץ תורה לאלפים ומאיר עיני ישראל באמרותיו הנעימים, זכה ליצוק מים על יד מרן רביה"ק הברך משה זי"ע, וגם לרבות עומד בראש וראשונה לכל קדשי בית ישראל, ובמיוחד להפיץ תורת מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע ושיטתו הבהירה בכל מה דאפשר, גודר גדר ועומד בפרץ ועוסק בלי ליאות לטובת יהדות ארה"ק,

וידיו רב לו ביסוד והקמת "מרכז עזרה ויעוץ" להצלת רבבות נפשות מישראל מצפרני הרשעים הציונים

הגה"צ רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א

ראה"כ ומרבני סאטמאר-וויליאמסבורג, ומרבני הועד משמרת חומותיך ירושלים

לרגל אירוסי בנו למז"ט

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה תחי'

בת אחיו הרה"ח המפו' ר' חיים אלי' צוויבל שליט"א

סופר סת"ם מומחה

יהא רעוא מן קדם אבוהון די בשמיא, שיזכה עוד רבות בשנים להרבות פעלים לתורה ולתעודה, ובמיוחד להפיץ אור תורתם של מרנן רבותינו הקדושים זי"ע להאיר פני תבל, ויזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ותשרה שכינה בכל מעשי ידיו, ברב טוב אושר ועושר, נחת ושמחה עד בלי די, עד ביאת משיח צדקינו בב"א.

המברכים

רבני ועד משמרת חומותיך ירושלים

דקהל יטב לב דסאטמאר



ברכת מזלא טבא

אל מול פני האברך החשוב

הר"ר חיים שלמה גליק הי"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

לרגל הולדת בתו למז"ט

יה"ר שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, ולהמשיך בפעולותיו הברוכות ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא


עטליכע הערליכע דאנק בריוולעך אנגעקומען אין די לעצטע וואכן צו די מצילי 'מרכז עזרה ויעוץ' דורך בחורים און עלטערן




• סימן טוב ומזל טוב •

ברגשי גיל וחדוה ברכותינו צרופה אל מול ידידינו הנכבדים, לבם ער וחם למען כל קדשי ישראל, שבחם מי ימלל, אין גומרין עליהן את ההלל, ה"ה

הרבני הנגיד הנכבד
מוה"ר יואל עפשטיין הי"ו
'פרנס החודש' בתוככי "מרכז עזרה ויעוץ"
לרגל אירוסי בנו למז"ט

הרבני הנגיד הנכבד
מוה"ר יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו
'פרנס החודש' בתוככי "מרכז עזרה ויעוץ"
לרגל נישואי בתו למז"ט

הרבני הנגיד הנכבד
מוה"ר חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו
פטרון מרכז עזרה ויעוץ - סניף אלעד
לרגל אירוסי בנו למז"ט

יהא רעוא מן קדם אבוהון די בשמיא, שיזכו לראות רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ותשרה שכינה בכל מעשי ידיהם, ברב טוב אושר ועושר, נחת ושמחה עד בלי די

המברכים

יצחק שיפף
בשם הנהלת מרכז עזרה ויעוץ - ארה"ב

שמעון שישא
בשם הנהלת מרכז עזרה ויעוץ - ארה"ק

וועלוול קוביטשעק
שלוחא דרבנן למען מרכז עזרה ויעוץ



זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 845-232-0522



להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com